בעזהשי"ת

מאמענטאלע נייעס פון נטרונא

# בליצן

נטרונא
True Torah Jews

Vol. 5 No. #19

פ' ויגש תשע"ב לפ"ק

# נטרונא פלאַנט וואַל-יאָר-לאַנגע קאָנטער-קאַמפּיין אָפּצושלעגן ציונ'יסטישע אימעזש פון אָרטאָדאָקסיע

## פּרעזידענט קאַנדידאַטן לויפן נאָך אָרטאָדאָקסישע שטימען, דורך אָננעמען עקסטרעם ציונ'יסטישע פּאַליסיס

### שטעלט ליידער ערליכע אידן אַלס די הייסטע ציונ'יסטן וועלכע צווינגען אַרויף ראַדיקאַלע ציונ'יסטישע פּאַליסיס אויף אַמעריקאַנער פירער

וואַשינגטאָן – די אידישע שטימען ווערן נאָכגעפּאָלגט און געזוכט אינעם איצטיגן וואַל סעזאָן פיל-פאַכיג מער ווי ביז היינט, מיט אַ ספּעציעלן ציל צו געווינען די שטיצע פון אַזוי גערופענע אָרטאָדאָקסישע פאָרשטייער וועלכע מעסטן זייער שטיצע פאַר קאַנדידאַטן לויט זייער בלינדע עקסטרעמע ציונ'יזם. דאָס שאַפט אַ געפערליך שעדליכן איינדרוק, אַז די אָרטאָדאָקסישע וויילער זענען די עקסטרעמסטע ציונ'יסטן, און זיי צווינגען אַמעריקאַנער פּאָליטיקאַנטן זיך צו צושטעלן צו זייער עקסטרעמע מתנחל'ישע פילאָזאָפיע.

נטרונא אַרבעט שוין עטליכע חדשים אַהערצושטעלן אַ ספּעציעלע וואַל-יאָר קאַמפּיין סטראַטעגיע צו איבערצייגן אַז רוב רובו פונעם ערליכן אידענטום זענען קעגן ציונ'יזם, און באַזירן נישט זייערע שטימען לויט אַ קאַנדידאַט'ס שטיצע פאַר איזראַעל. די קאַמפּיין שלאָגט ב"ה ווארצלען, און מיט די חדשים וועט עס בעז"ה ווערן אינטענסיווער און קאָסטבאַרער, זה לעומת זה, אָפּצושלאָגן די וואַקסנדע רעטאָריק פון די ציונ'יסטישע אינטערעסן וועלכע זוכן אויפצושפּילן דעם אָנגעבליכן מאַכטפולן ציונ'יסטישן אָרטאָדאָקסישן וואַל כח צו צווינגען קאַנדידאַטן אָנצונעמען די אויסגעשפּראָכנסטע ראַדיקאַלסטע פּראָ-ציונ'יסטישע שטעלונגען.

## די אָרטאָדאָקסישע שטימען ווערן צופּויקט

דורכאויס די איצטיגע רעפּובליקאַנער פּרעזידענטליכע פּריימעריס, זענען די אָרטאָדאָקסישע שטימען אומפּראָפּאָרציאָנעל שטאַרק אויפגעשפּילט געוואָרן, און די קאַנדידאַטן און די אָבאַמאַ אַדמיניסטראַציע חנ'דלען אַבנאָרמאַל אַ גרופּע אָרטאָדאָקסישע מויל מאַכער. פּאָלגענד איז אַ לעצטער אַרטיקל אין אַ באַרימטע פּאָליטישער נייעס קוואַל, האָפינגטאָן פּאָסט, איבער די ערשיינונג, אונטער'ן קעפּל: "אָרטאָדאָקסישע אידן ווערן גע'חנפ'עט דורך דעם רעפּובליקאַנער פּרעזידענטליכן פעלד."

דער אַרטיקל הייבט זיך אָן מיט'ן אויסדרוק פון איינער פון די קאַנדידאַטן, ניוט גינגריטש, וועלכער האָט געזאָגט פאַר אַ אידישע נייעס קוואַל אַז די פּאַלעסטינער זענען אַן "אויסגעטראָפן" פאָלק.

דער אויסדרוק איז שוין געווען צופיל, און איז אַראָפּגעריסן געוואָרן אפילו דורך זיינע קעגנער – טראָץ וואָס זיי זוכן אויך צו חנ'דלען ציונ'יסטישע אינטערעסן - און דורך סענאַטאָר יוסף ליבערמאַן, אַן אויסגעשפּראָכער פּראָ-איזראַעלי, אַלס אומזיסט אָנהייצן אַ פייער מיט די פּאַלעסטינער. טאָ, וועמען האָט גינגריטש געזוכט צו געפעלן?

דער שרייבער ענטפערט: "אויב האָט דער רעפּובליקאַנער פּרעזידענטליכער פּראָנט-ראָנער פּרובירן צו וואַרפן גאַזאָלין אויף אַ פייער, איז איין קליינע, אָבער איינפלוסרייכע גרופּע פון וויילער געוואָרן אָנגעהייצט פון זיינע ווערטער: "אָרטאָדאָקסישע אידן."

דערנאָך ציטירט עס איינעם וואָס שטעלט זיך אַהער אַלס רעפּרעזענטאַטיוו פון אָרטאָדאָקסישן ציבור, וועלכער זאָגט אַז "מענטשן זענען זייער באַקוועם, זייער היימיש (ער האָט געזאָגט דעם וואָרט אין אידיש) מיט אים... דו דאַרפסט אים נישט אָנהייבן ערקלערן. ער קען דיר עס זאָגן."

פאַרוואָס זענען אָרטאָדאָקסן אומצופרידן מיט פּרעזידענט אָבאַמאַ, טראָץ וואָס ער האָט געשיקט מער הילף פאַר איזראַעל? דער זעלבער אַקטיוויסט זאָגט אַז די הילף איז נישט גענוג: "ער איז געווען זייער פּאַרווע – נישט פליישיג, נישט מילכיג." איר הערט ווערטער? די אָרטאָדאָקסן – לויט ווי ער שאַפט דעם איינדרוק – זענען נישט צופרידן מיט מער הילף. זיי ווילן אויסדרוקליך אַז דער פּרעזידענט זאָל זיך מאַכן פליישיג...

ווייטער זאָגט דער אַרטיקל אַז אין די צייט וואָס רוב אידישע וויילער שטייען אַוועק פונעם רעפּובליקאַנער פעלד, זענען ריק פּערי, גינגריטש, און לויט קלאַנגען ראָמני, שוין געווען ביי די "שוואַרץ-היטיגע חסידים פון ברוקלין." דער אַרטיקל זאָגט אַז אַ טוץ אָרטאָדאָקסישע און אידישע פירער האָבן זיי געזאָגט אַז "אולטראַ-אָרטאָדאָקסישע חסידים וועלכע רעדן נאָך מאַמע-לשון (זיי נוצן דעם אידישן אויסדרוק) און פאַר מאָדערן אָרטאָדאָקסישע אידן וועלכע זענען באַזאָרגט וועגן איזראַעל, איז די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי וואו זיי שפּורן זיך אַממערסטן אינדערהיים."

דער שרייבער באַטאָנט אַז אָרטאָדאָקסישע אידן מאַכן אויס בלויז אַ פינפטל פון אַ פּראָצענט אין נאַציאָנאַלע וואַלן, און רוב פון זיי וואוינען אין ניו יאָרק (וועלכע איז נישט ערוואַרטעט צו אַנטשיידן די פּריימעריס אָדער נאַציאָנאַלע וואַלן), דאָך "שטייגן אַרויס אָרטאָדאָקסישע אידן צו זיין אַ פּאָליטישער קראַפט אין די 2102 וואַלן."

דער שרייבער פרעגט "פאַרוואָס נאָך דעם שטאָלפּערן זיך קאַנדידאַטן איינער אויף'ן צווייטן צו זוכן שטיצע אין די לעצטע רעפּובליקאַנער אידישע קאָאָליציע פאָרום? פאַרוואָס נאָך האָט דער נייער ווייסער הויז'ס אידישער ליעזאָן, דזשעראָד בערנסטיען, אויסגעקליבן אַ פרישטאָג צוגעשטעלט דורך די אולטראַ-אָרטאָדאָקסישע חרד'ישע אָרגאַניזאַציע אגודת ישראל פאַר זיין ערשטן עפנטליכן אויפטריט געלעגנהייט?"

עס ציטירט אַז חרדי'שן אַקטיוויסטן אַז "דאָס האָט גערעדט זייער הויך וועגן דעם געברויכן אַרויסצוגרייכן צו די אָרטאָדאָקסישע געמיינדע... מיר זענען לאָיאַל און דאַנקבאַר פאַר די וואָס ווייזן אונז לאָיאַליטעט (אינעם קאָנטעקסט פונעם אַרטיקל, לייענט זיך עס אַז ער מיינט געטריישאַפט צו איזראַל)."

הענק שיינקאָפּ, אַ וועטעראַן דעמאָקראַטישער פּאָליטישער קאָנסולטאַנט, זאָגט אַז אויב פרייע אידן זענען די ע.טי.עם. (געלט מאַשין) פון פילע ליבעראַלע דעמאָקראַטן, "דאַן זענען געוויס די אָרטאָדאָקסן און אולטראַ-אָרטאָדאָקסן די געלט ע.טי.עם.ס פון קאָנסערוואַטיווע קאַנדידאַטן."

ווייטער צילט דער אַרטיקל בעיקר אויף פרומע אידן, זאָגנדיג אַז זיי קוקן שטאַרק אַרויס אויף אָנווייזונגען פון

זייערע רעליגיעזע פירער פאַר ווערמען צו שטימען, און ניו יאָרקער אָרטאָדאָקסישע וויילער שטעלן דעם טאָן פאַר אָרטאָדאָקסישע וויילער דורכאויס דאָס לאַנד.

דער אַרטיקל איז בלויז איין שטאַרקער ביישפּיל ווי אַזוי די פּרעסע און די קאַנדידאַטן זעען און שילדערן די גרופּע אָרטאָדאָקסישע מויל-מאַכער אַלס די וואָס רעפּרעזענטירן דעם אָרטאָדאָקסישן אידענטום. זיי לייגן אַראָפּ דעם אָרטאָדאָקסישן אידענטום אַלס אַזעלכע וועלכע פאַרלאַנגן פון די אַמעריקאַנער פירער צו זיין בלינדע, הייסע שטיצער פאַר ראַדיקאַלע ציונ׳יסטישע פּאַליסיס, נאָכמער ווי די ציונ׳יסטישע פירער אַליין זענען גרייט צו נעמען.

איבריג צו זאָגן אַז יעדער נאָרמאַלער אַמעריקאַנער בירגער וועלכער לייגט אַזעלכע אַרטיקלען און האַלט מיט אַזעלכע געשעענישן - ווי אַזוי אַ גרופּע אָרטאָדאָקסן פאַרוואַנדלען אַן אַמעריקאַנער פּרעזידענט פאַרמעסט אין אַ קאָנטעסט ווער עס איז אַ הייסערער שטיצער פון די מתנחלים - גייט אַרויס פון גלייכגעוויכט. נישט גענוג וואָס אַמעריקע שטיצט איזראַעל מיט געלט, דאַרף׳ן אירע פירער גענצליך זיך אונטערוואַרפן די ראַדיקאַלסטע איזראַעלישע אידעלאָגיעס?

## נ.י. טיימס: אַמעריקאַנער אידן האָבן ליב איזראַעל צו טויט...

ווי ווייט די אַמעריקאַנער אידן ווערן געזען אַלס די וואָס שטופּן אַמעריקאַנער באַאַמטע אָנצונעמען פּראָ-איזראַלישע פּאַליסיס - טראָץ וואָס זיי זענען קעגן די אַמעריקאַנער אין יעדן׳ס אינטערעסן – און ווי ווייט דאָס ברויזט אויף די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, איז געקומען צום אויסדרוק פּאָריגע וואָך אין אַ נ.י. טיימס לייט-אַרטיקל געשריבן דורך טאָמאַס פריעדמאַן.

דער שרייבער – ער איז פון די פּראָמינענטסטע, און גאַנץ מעגליך סאַמע פּראָמינענטסטער קאָלומניסט אין אַמעריקע - איז אַ ציונ׳יסט וועלכער איז געווען עטליכע יאָר אין איזראַעל, און איז פאַראַיאָר באַטראַכט געוואָרן אַלס מער פּראָ-איזראַעליש. ער שרייבט אָבער די וואָך אַז טייל פון איזראַעל׳ס אַמעריקאַנער פריינט "ווילן זיי ליב האָבן צום טויט, ממש."

צום ערשט ווייזט דער שרייבער אָן אויף אַ סטעיטמענט פון מיט ראָמני אַז "איך האַלט נישט אַז אַמעריקע זאָל שפּילן די ראָלע פון פירער פונעם שלום פּראָצעדור. אַנשטאָט זאָלן מיר שטיין ביי אונזער פאַרבינדעטער."

אויף דעם קאָמענטירט פריעדמאַן: "אַמעריקע׳ס ראָלע איז בלויז צו אַפּלאָדירן סיי וואָס איזראַעל טוט, דינען אַלס איר ע.ט.ע.ם. און שטיל שווייגן. מיר האָבן גאָרנישט קיין אייגענע אינטערעסן. און דער מענטש לויפט פאַר פּרעזידענט?"

און אַז ער ברויזט שוין, האָט פריעדמאַן שוין אויך אָפּגעלאָדענט וואָס ער האָט שוין לאַנג אויף׳ן האַרץ: "איך האָף געוויס אַז איזראַעל׳ס פּרעמיער מיניסטער, בנימין נתניה, פאַרשטייט אַז די שטייענדיגע אַפּלאָדירונג וואָס ער האָט באַקומען אין קאָנגרעס היי-יאָר איז נישט געווען פאַר זיין פּאָליטיק. די קלאַטשעריי איז געקויפט און באַצאָלט געוואָרן דורך די איזראַעלישע לאָבי."

אגב, אָט דער אויסדרוק קעגן די איזראַעלישע לאָבי, האָט פאַראורזאַכט אַ קאָנטערווערסיע. טייל האָבן זיך גענומען פאַרפירן אַז פריעדמאַן שטיצט אונטער אַנטיסעמיטישע טעאָריעס אַז די ציונים קויפן אונטער וואַשינגטאָן. די קריטיק האָט געברענגט אַז ער האָט אויסגעדרוקט חרטה אויף טייל פון די ווערטער. די אַלע פאַרפירער פאַלט אָבער נישט ביי אַז מיט זייערע שריט גיסן זיי צו דאָס מערסטע אויל צום פייער פון אַנטיסעמיטיזם.

## אַלע סימנים צייגן אַז דאָס איז ליידער בלויז דער אָנהייב

דאָס וואָס איזראַעל שפּילט איצט אַ שטאַרקע ראָלע אין די פּרעזידענטליכע קאַמפּיין, איז ליידער קלאָר בלויז דער אָנהייב. איצט האַלט מען דאָך ווען דער פאַרמעסט איז צווישן די רעפּובליקאַנער קאַנדידאַטן, וואָס זיי אַלע שטעלן זיך אַהער אַלס פּראָ-איזראַעל, און פּרובירן בלויז איבערצושטייגן איינער דעם צווייטן. ווען עס וועט קומען דער פאַרמעסט מיט פּרעזידענט אָבאַמאַ, וועט די טעמע פון איזראַעל און באַשולדיגונגען קעגן אים אַז ער איז נישט גענוג קיין שטאַרקער איזראַעל שטיצער, אַרויפגיין אויף פיל העכערע טענער.

דאָס איז קלאָר געוואָרן אין דעם ספּעציעלן ניו יאָרק-9 קאָנגרעס פאַרמעסט אין ברוקלין-קווינס, וואו אַ הויפּט קאַמפּיין טעמע איז געווען אַז מ׳זאָל שיקן אַ מעסעדזש פאַר פּרעזידענט אָבאַמאַ פאַר׳ן וואַרפן איזראַעל אונטער׳ן באָס. פּאָריגע וואָך איז שוין אויך ערשינען אַ רעקלאַמע אין ניו יאָרק טיימס פון די 'עמוירדזשענסי קאָמיטע פאַר איזראַעל,' וועלכע האָט אַראָפּגעריסן דעם פּרעזידענט פאַר "באַהאַנדלען איזראַעל ווי אַ פּאָנטשינג בעג."

די ציונ׳יסטישע אינטערעסן ווילן פאַרוואַנדלען איזראַעל אַלס הויפּט קאַמפּיין טעמע, צו פאַרזיכערן אַז די אַדמיניסטראַציע און אַלע פּאָליטישע באַאַמטע וואַרפן זיך גענצליך אונטער זייערע דיקטאַטן.

די סאָרט קאַמפּיינס רופן אַרויס בייז-בלוט און אַנטיסעמיטיזם ביים אמעריקאַנער פאָלק, וועלכע זען אַז וואַשינגטאָן ווערט דאָמינירט לויט די ציונ׳יסטישע, נישט אַמעריקאַנער אינטערעסן. דאָס שטעלט אַלע אידן אונטער די באַשולדיגונג אַז זיי זענען נישט לאָיאַל צו זייער לאַנד, וואָס זייעט אָן אַנטיסעמיטיזם, און גדולי ישראל האָבן געוואָרנט אַז ציונ׳יזם וועט ברענגן די סאָרט באַשולדיגונגען און סכנות.

איבערהויפּט איז ווייטאָגליך אַז די הויפּט וואָס ווערן גענוצט צו שאַנטאַזשירן די באַאַמטע, זענען מיר, די חסידי׳שע, אולטראַ-אָרטאָדאָקסישע, שוואַרץ-היטיגע וויילער פון ברוקלין. דאָס זייעט אָן אַ שוואַרץ אויג און שנאה ספּעציעל קעגן פרומע אידן, און עס ברענגט אַ געפערליכער חילול השם אַז דאָס איז וואָס די תורה הקדושה לערנט חלילה.

## נטרונא איז אינמיטן אינטענסיווע קאָנטער-קאַמפּיין

ווען די ציונ׳יסטישע טעמע האָט אָנגעהויבן שטאַרק אַרויסצושפּראָצן אין דעם ניו יאָרק-9 פאַרמעסט, האָט נטרונא זיך זאָפּאָרט אַריינגעוואָרפן אָפּצושלאָגן דעם איינדרוק אַז פרומע אידן שטימען לויט די איזראַעלישע אינטערעסן און צו סטראַשען פּרעזידענט אָבאַמאַ.

**טייל פון די קאַמפּיין איז געווען אין די עפנטליכקייט, דורך ראַדיאָ רעקלאַמעס אָפּצושלאָגן דעם ראַדיקאַל-ציונ׳יסטישן מעסעדזש, און רופן די וויילער צו שטימען בלויז לויט די לאָקאַלע אינטערעסן. אַנדערע אַקטיוויטעטן זענען געווען מער אונטער די קוליסן, סיי דורך אויפקלערן די עפנטליכקייט און רעפּאָרטערס אַז עס זענען געווען אַנדערע אישוס וועלכע האָבן דעצידירט די אידישע שטימען. ב"ה אַז דער מעסעדזש איז אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך פילע נייעס קוועלער, וועלכע האָבן באַטאָנט אַז ציונ׳יזם איז נישט געווען די הויפּט אישו ביי די אָרטאָדאָקסישע וויילער.**

אַ הויכפּונקט פון די אַרבעט צו זיין גרייט אָפּצוענטפערן די אַנטיסעמיטיזם אָנזייערס, איז דאָס איבעראַרבעטן די וועב-סייט. אַ טייל פון די אויפגעפרישעט וועב-סייט איז שוין ב"ה אויפגעוויקעלט געוואָרן, און אַלע מומחים באַוואונדערן די געלונגענע אַרבעט, וואָס מאַכט אַ געוואַלדיג פּראָפעסיענאַלן איינדרוק און איז העכסט אינטרעסאַנט פאַר אַלגעמיינע ליינער. במשך די טעג גייט אָן די פיבערהאַפטיגע אַרבעט פון גענצליך איבעראַרבעטן די סייט, מיט די פרישסטע טעכנאָלאָגיעס, עס זאָל זיין שנעלער, צוציענדער און מער מענטשן זאָלן אָנקומען דערצו.

**די וועב-סייט וועט אי"ה גאָר שטאַרק אַרויסהעלפן אַז די וואַל-יאָר קאַמפּיין זאָל האָבן אַ פּיל-פּאַכיגערע השפעה, דורך גרייכן פיל מער מענטשן און צייגן אויף אַ גאָר באַאיינדרוקנענדן און קלאַסישן אופן די שטעלונג פון ערליכע אידן.**

ווי אויך האָט מען דורכאויס די ניו יאָרק-9 וואַלן גענוצט פאַרשידענע פעולות צו נידערן די פּראָ-איזראַעלישע טענער, וועלכע וואָלט׳ן געווען נאָך פיל העכער ווען מ׳נעמט ווען נישט די שריט, וואָס ווי פאַרשטענדליך איז בעסער אַז מ׳פּובליצירט זיי נישט כדי זיי זאָלן בלייבן אַפעקטיוו.

**זינט דאַן זעצט פאָר נטרונא מיט די פיל-זייטיגע סטראַטעגיע,זינט דער פּרעזידענט קאַמפּיין איז אַריין אין די אַקטיווע פאַזעס, און זיי וועלן ווערן נאָך העפטיגער דורך דעם כמעט גאַנצן יאָר,** מיט די אָנהיצונג פון די קאַמפּיין און די איזראַעלישע ראָלע דערין. ווי אויך גרייט מען זיך אַרויסצונעמען נאָך רעקלאַמעס, צווישן איצט און נאָך די פּרעזידענט וואַלן, וואָס איצט וועט עס פאַרשטענדליך זיין פיל קאָסטבאַרער וויבאַלד מ׳דאַרף צילן אַ נאַציאָנאַלן אוידיענץ, אַנשטאָט איין קאָנגרעס דיסטריקט.

**נטרונא אַרבעט מיט פּאָליטישע סטראַטעגיסטן צו רעאַגירן צו די אַנטוויקלונגען און וועלכע נאָך שריט צו נעמען, אָפּצושלאָגן די ציונ׳יסטישע טענער ווי ווייט מעגליך. מ׳איז ב"ה מצליח נאָך פיל מער ווי מ׳האָט זיך גערעכנט, אָבער דער חילול השם איז נאָך אַלץ זייער שטאַרק. וויפיל נאָך פעולות מ׳וועט באַווייזן אונטערצונעמען אָפּצושלאָגן די ציונ׳יסטישע רעטאָריק, איז פאַרשטענדליך געוואָנדן לויט די הילף פונעם ציבור צו קענען פאָרזעצן און פאַרברייטערן די קאַמפּיין.**

ובזכות וואָס אידן וועלן זיך אָנשטרענגן למען כבוד שמו יתברך, אָפּצוטאָן דעם ניאוץ וחילול השם בשמינו, זאָל׳ן מיר שוין געהאָלפן ווערן אין די חנוכה טעג צו זען נסים בזמן הזה, ווען עס וועט נתגדל ונתקדש ווערן דעם שם גדול וקדוש בעולמיך, און עס וועט אויך זיין ולעמך ישראל אַ תשועה גדולה ופורקן כהיום הזה, בביאת משיח צדקינו בב"א.

• הגליון נתנדב לע"נ הגה"ח רבי נתן דוד ב"ר משה שמואל ז"ל (זילבערשטיין) •

C&G TYPOGRAPHIC / 718-935-1945